בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

תרומה
ד' אדר תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:54 |
| מוצש"ק | 6:09 |
| ר"ת | 6:48 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:19 | סוז"ת א' | 9:30 |
| סוזק"ש ב' | 9:01 | סוז"ת ב' | 9:58 |

גליון מס': קע"ד
שנה ד'

## טיב הפרשה

# לְאוֹרוֹ נִסַּע וְנֵלֵךְ!

◆◆◆

שטייענדיג ביים יארצייט פון הגה"צ רבי לוי הכהן ראבינאוויטש זצ"ל, דער טאטע פון יבדלחט"א מורינו ורבינו שליט"א, האבן מיר געפינען פאר פאסיג צוזאמצוקלויבן פון די שמועסן פון מורינו ורבינו שליט"א פארשידענע עובדות און פירונגען פון אט דער געהויבענער צדיק, פון וועלכע מיר וועלן זיך קענען לערנען דעם ריכטיגן וועג אין לעבן, און זאל עס זיין פאר א גוטן אנדענק און לעילוי נשמתו הטהורה.

ביים אנהייב פון אונזער רייד, איז פאסיג צו באצייכענען אווארט פון מורינו ורבינו שליט"א אין זיין ספר טיב התורה, אויף דאס וואס עס שטייט אין די פרשה פון די וואך (כה, ח) וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם. און אויף דעם איז רש"י הקדוש מפרש: וְעָשׂוּ לִשְׁמִי בֵּית קְדוּשָׁה. וואס פון זיינע ווערטער זעען מיר, אז כדי צו מאכן א זאך וואס זאל זיין לשם השי"ת, פעלט אויס אז עס זאל געטון ווערן מיט די ריכטיגע כוונה, לשם שמים, אן קיין שום נגיעה אדער פְּנִיָּה, אזוי ווי מיר זעען אז ביי די נִדְבַת הַמִּשְׁכָּן שטייט אין פסוק 'וְיִקְחוּ לִי', און אויך ביים הֲקָמַת הַמִּשְׁכָּן שטייט אין פסוק 'וְעָשׂוּ לִי', ווייל כדי עפעס זאל זיין באוויליגט פארן אויבערשטן, פעלט אויס אז עס זאל געטון ווערן אינגאנצן בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ.

און מורינו ורבינו שליט"א ברענגט דארט פון ספר צוואת הריב"ש וואו עס שטייט ווי פאלגנד: "וּבְכָל דָּבָר שֶׁיַּעֲשֶׂה, יַחְשֹׁב בָּזֶה שֶׁהוּא עוֹשֶׂה נַחַת רוּחַ לְבוֹרְאוֹ יִתְבָּרַךְ, וְלֹא לְצֹרֶךְ עַצְמוֹ אֲפִילוּ מְעַט, אֲפִילוּ אִם עָשָׂה שֶׁיִּהְיֶה לוֹ תַּעֲנוּג בַּעֲבוֹדָתוֹ, זֶהוּ לְצֹרֶךְ עַצְמוֹ, וּבְכָל דָּבָר שֶׁיַּעֲשֶׂה יַחְשֹׁב שֶׁעוֹשֶׂה נַחַת רוּחַ בָּזֶה לְהַשְׁכִינָה, וְלֹא יַחְשֹׁב בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ אֲפִילוּ מְעַט לְצֹרֶךְ הֲנָאָתוֹ, כִּי הֶבֶל וָרִיק, וְלָמָּה יַעֲשֶׂה לַהֲנָאָתוֹ, וְגַם אִם עוֹשֶׂה כַּמָּה דְּבָרִים וַהֲכָנוֹת כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לַעֲבוֹד בִּדְבֵקוּת, וְיִהְיֶה לוֹ תַּעֲנוּג בָּעֲבוֹדָה זוֹ, גַּם זֶה עוֹבֵד לְצֹרֶךְ עַצְמוֹ, רַק עִיקָּר שֶׁתִּהְיֶה כָּל עֲבוֹדָתוֹ לְצֹרֶךְ הַשְּׁכִינָה, אֲפִילוּ מְעַט לֹא יִהְיֶה לְצֹרֶךְ עַצְמוֹ".

צוויי וויכטיגע נקודות אין די ענינים פון עבודת השם יתברך, ווערן דא ערקלערט אין די אויבנדערמאנטע רייד פונעם צוואת הריב"ש. דאס ערשטע איז דאס אליין אז עס זאל געטון ווערן בלויז לשם שמים אן קיין שום אייגענע ציל. און די צווייטע איז די מחשבה וואס מען זאל טראכטן איידער מען טוט די פעולה, דורכן אריינטראכטן ביי יעדער זאך וויאזוי עס צו טון אויפן שטייגער וואס איז די מערסטע באוויליגט ביי הקב"ה, אז עס זאל זיין אינגאנצן לשם שמים, אן קיין שום פגם, ווייל צומאל קען מען טון א מצוה, נאר וויבאלד מען טוט עס נישט מיט התבוננות, כאפט מען אויך אריין א פארלוסט אין דער זייט, וויבאלד עס איז מעגליך אז דורך אט די פעולה, טוט מען גורם זיין עפעס וואס ברענגט צו א שטרויכלונג.

ווי עס זעט אויס, זענען נישטא קיין ווערטער וואס קענען בעסער שילדערן דעם מהות פון רבי לוי זצ"ל, מער ווי די אויבנדערמאנטע ווערטער פונעם הייליגן צוואת הריב"ש. ווייל דאס גאנצע מהות פון רבי לוי איז געווען עבודת השם לשמה, און איידער יעדע פעולה וואס ער האט געטון, האט ער פריער אריינגעטראכט וויאזוי עס צו טון אויף אן אופן אז עס זאל זיין לרצון פאר השי"ת.

שוין פון אלץ יונג קינד, בלייבנדיג א יתום פון זיין טאטע און מאמע, זייענדיג אליין אויף דער וועלט, האט ער זיך אונטערגענומען אז אין אלע איינצלהייטן פון זיין לעבן וועט ער זיך פירן לויט דער הייליגער חפץ חיים, און זיינע הייליגע ספרים ווען אים ווייזן דעם וועג אין לעבן – דאס איז געווען אן אונטערנעמונג צו וועלכער ער האט זיך

## טיב המערכת

# הגה"צ רבי לוי הכהן ראבינאוויטש זצ"ל

## נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע

שטייענדיג נאכן יארצייט פון הגה"צ רבי לוי ראבינאוויטש זצוק"ל, בעל "מעדני השולחן", דער טאטע פון יבלחט"א מורינו ורבינו שליט"א, דערמאנען מיר זיך די געוואלדיגע חִיּוּת און די געוואלדיגע לעבטיגקייט וואס ער האט אריינגעשיינט ביי זיינע באזוכן אין די הייליגע קהילה "שבתי". זיינע פלאמעדיגע דיבורים, און זיינע באליבטע שמועסן, האבן אריינגעבלאזן פולע הויפענעס התעוררות לד' ולתורתו.

א שטארקע נקודה וואס איז ממש געווען א טייל פון זיין לעבן, איז געווען די געוואלדיגע זהירות וואס ער האט אכטונג געגעבן צו היטן דעם מויל פון דיבורים אסורים.

ווען ער פלעגט רעדן וועגן דער ענין, איז עס ממש געווען אין די בחינה פון "הוּא הָיָה אוֹמֵר", אז דאס וואס ער אליין איז געווען – דאס האט ער געזאגט! און ווי ער האט מעיד געווען אויף זיך אליין זייענדיג אויף דער עלטער, אז ער האט שוין פון זיין פריסטער יוגנט קיינמאל נישט גערעדט לשון הרע אויף אן אנדער איד.

ווען ער איז נאך געווען אן אכט יעריגער אינגל איז ער פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין טאטע און מאמע, לא עלינו, און זייענדיג אליין אויף דער וועלט האט ער מקבל געווען אויף זיך אז אין אלע איינצלהייטן פון זיין לעבן וועט ער זיך פירן לויטן דעת תורה פון דער הייליגער 'חפץ חיים', און זיינע הייליגע ספרים ווען זיין זיינע וועגווייזער. און אזוי האט ער זיך טאקע געפירט, אז איידער יעדע פעולה וואס ער האט געטון, פלעגט ער אריינטראכטן פון פריער אויב עס איז ריכטיג אזוי צו טון לויטן השקפה פון דער הייליגער 'חפץ חיים', און אויב עס האט אים אויסגעזען אז אויב וואלט ער געשטאנען נעבן דעם הייליגער 'חפץ חיים' וואלט אים דאס נישט געווען צום הארצן, האט ער זיך צוריקגעהאלטן דערפון.

זעלבסטפארשטענדליך, אז צווישן די קבלות וואס ער האט זיך אונטערגענומען, איז געווען דער ענין פון שמירת הדיבור, אזוי ווי עס איז באוואוסט אז דער ענין איז געווען צווישן די קענטיגע זאכן אויף וועלכע דער הייליגער 'חפץ חיים' האט מעורר געווען דערויף, כידוע.

ווירקליך, נאך זייענדיג א יונג בחור'ל, האט שוין יעדער געקענט זען ווי זיין רעדן איז אזוי לויטער און ריין, און צווישן די אַנְשֵׁי יְרוּשָׁלַיִם שֶׁל מַעְלָה פלעגן זיך די געהויבענע אידן ווענדן צו אים, כדי ער זאל זיי בענטשן. און ער פון זיין זייט פלעגט אננעמען זייער געבעט און זיי בענטשן, און זיי פלעגן דערציילן אז זיינע ברכות זענען פולשטענדיג מקוים געווארן, און דאס אלעס האבן זיי אנגעהאנגען אינעם זכות פון דעם וואס ער האט געהיטן זיין מויל.

אזוי ווי עס איז באוואוסט די ווארט אויפן פסוק 'לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה', אז יעדער איינער וואס געבט אכטונג און פארשוועכט נישט זיין דיבור, דעמאלטס "כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה", וועט דער אויבערשטער אויספירן אלע ווערטער וואס קומען ארויס פון זיין מויל.

אויך זיינע ספרים 'מעדני השולחן' אויף שולחן ערוך יורה דעה, האט ער געמאכט אויפן זעלבן שטייגער ווי די ספרים 'משנה ברורה' אויף שו"ע אורח חיים. דערמיט האט ער געהאט א טיפע כוונה, וועלנדיג פארזעצן דערמיט דעם הייליגן ציל פון דער 'חפץ חיים' זצ"ל.

יהי רצון אז מיר זאלן זוכה זיין צו גיין אין זיינע וועגן, און היטן אונזער מויל און אונזער צונג, און זיך צו פירן אין אלע וועגן און שטעגן פון אונזער לעבן, לויט די קלארע הלכה. זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל.

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

פעסט געהאלטן, און איידער ער האט עפעס געטון פלעגט ער זיך פריער מתבונן זיין צי עס איז ראוי אזוי צו טון לויט די השקפה פונעם הייליגן חפץ חיים, און אויב עס האט אים אויסגעזען אז דער חפץ חיים וואלט נישט צופרידן געווען פון א געוויסער שריט, האט ער זיך צוריקגעהאלטן פון עס טון.

און אזוי האט ער זיך געפירט זיין גאנצן לעבן, אז איידער יעדע פעולה וואס ער האט געטון, האט ער אריינגעטראכט וויאזוי צו טון דאס וואס ער דארף טון, אן חלילה צו טשעפען אדער שטרויכלען אן אנדערן. און אזוי האט מורינו ורבינו שליט"א דערציילט: ווען מיר זענען געווען יונגע קינדער, האט אבי מורי זייער אכטונג געגעבן, אונז נישט צו שטרויכלען מיט די מצוה פון כיבוד אב ואם, און דעריבער האט ער איבעגעטראכט איידער ער האט אונז געגעבן עפעס א באפעל, צי עס וועט אונז זיין גרינג דאס מקיים צו זיין אדער נישט. צומאל פלעגט ער זיך ווענדן אונז, ניצנדיג א קלוגן לשון: איך וויל דיר נישט הייסן אדער דיר באפעלן צו טון אזוי אדער אזוי, כדי דיר נישט צו מכשיל זיין מיט די מצוה 'כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ' אויב דו וועסט עס נישט טון... דעריבער בין איך נישט גוזר אויף דיר 'בגזירת אב', נאר איך טו עס פאָרלייגן פאר דיר, אז אויב דו וועסט וועלן זאלסטו טון דאס און יענץ, דו ביסט אבער נישט מחויב עס צו טון...

אויך אינדערצייט וואס ער האט ארויסגעגעבן זיין ספר "מעדני השולחן", האט מען געזען ביי אים דעם ענין פון לייגן מחשבה פריער ווי מעשה, ווייל פון איין זייט האט ער זייער שטארק געוואלט אז דער ספר זאל שוין ערשיינען, וויבאלד ער האט געוואוסט אז אזא ספר איז זייער וויכטיג פארן היינטיגן דור, וויבאלד אויף יורה דעה איז נישטא א ספר וואס איז אזוי שטארק מכריע די הלכה למעשה, אזוי ווי אויף אורח חיים וואס מיר האבן דעם הייליגן משנה ברורה, און ער האט געוואוסט אז דורכן ארויסגעבן זיין ספר וועט ער מזכה זיין את הרבים. אבער פון די אנדערע זייט האט זיין הארץ געקלאפט אין אים, מורא האבנדיג טאמער דאס וועט אים ברענגען פרסום און גדלות, אויף אזוי ווייט אז ער האט געהאט א צד אז ער זאל דערפאר נישט ארויסגעבן דעם ספר, ווייל כאטש עס איז ריכטיג אז עס ברענגט זיכוי הרבים, נאר וויבאלד עס קען אים ברענגען צו גדלות, איז מעגליך אז דאס איז נישט באוויליגט פארן אויבערשטן. צום סוף האט ער אבער יא באשלאסן עס ארויסצוגעבן, וויבאלד ער האט נישט געקענט פארפאסן דעם געוואלדיגן געלעגנהייט, צו מזכה זיין את הרבים.

נאך האט מורינו ורבינו שליט"א דערציילט: איך געדענק אז עס איז געווען איין שבת, ווען מיר האבן נישט געזינגען די זמירות פון שבת קודש מיט א הויכן קול ווי געווענליך, נאר שטילערהייט. דאס איז געווען ווען ביי איינער פון די שכנים, איז געשען לא־עלינו אן אומגליק ווען עס איז זיי נפטר געווארן א קינד, און דעריבער איידער די שבת איז געקומען, האט אבי מורי באשלאסן אז עס איז נישט ריכטיג אז מיר זאלן זינגען די זמירות הויך אויפן קול ווי אונזער שטייגער, וויבאלד דאס קען אויסזען אין די אויגן פון די שכנים, כאילו מען באטייליגט זיך נישט אין זייער צער און מען טוט נישט מיטפילן מיט זיי, און דער וועלט פירט זיך ווייטער און מען זינגט זמירות. כדי זיי זאלן נישט צוקומען צו האבן צער פון אזא מחשבה, האט מען זיך צוריקגעהאלטן יענעם שבת פון זינגען די זמירות מיט א הויכן קול.

אויך ווען ער האט געהאלטן אז עס איז ריכטיג מעורר צו זיין אן אנדערן, האט ער זיכערגעמאכט עס צו טון אויף א וועג וואס יענער זאל נישט געטשעפעט ווערן דערפון. איינמאל האט ער באמערקט ווי צוויי בחורים האבן געשמועסט אינדערצייט וואס דער ציבור האט געזאגט עלינו לשבח. אנשטאט זיי צו זאגן אז זיי האבן זיך נישט ריכטיג אויפגעפירט, האט ער געזאגט צו זיי: אויב איר וואלט געוואוסט די גרויסקייט פון זאגן עלינו לשבח, וואלט איר אוודאי נישט געשמועסט אינדערצייט וואס דער ציבור זאגט עס. און דערמיט האט ער זיי געגעבן צו פארשטיין אז זיי האבן זיך נישט געפירט ריכטיג, אן עס אנצוהענגען אין זייער אייגענעם שלעכטס.

ווען מען רעדט פון אזא סארט מענטש, וואס זיין גאנצע מציאות און עבודה ווערט געטון אויף דעם שטייגער, איז נישט געווען קיין וואונדער ווען מען האט אים געהערט זאגן אויף דער עלטער, אז ער האט נישט פוגם געווען ח"ו אין די ענינים פון בין אדם לחבירו.

דאס איז געווען ווען מען האט אים געדארפט מאכן אן אפעראציע אופן הארץ, און פאר א איד אין זיין הויכן עלטער איז דאס איבערהויפט נישט געווען קיין פשוט'ער זאך. פאר מען האט געמאכט די אפעראציע האט ער געמאכט א חשבון הנפש כדי זיך צו מעורר זיין בתשובה, ווייל טאמער וועט ער ח"ו נישט אויפשטיין פון זיין קראנקן בעט. און דעמאלטס ווען ער האט געמאכט דעם חשבון הנפש ביי זיך אליין, האט ער נישט באמערקט די משפחה מיטגלידער וואס זענען דארט געווען, און דעמאלטס האט מען געהערט ווי ער זאגט צו זיך אליין, 'ברוך ה׳', אז אין די זאכן שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ האב איך געמאכט א חשבון הנפש, און עס איז נישטא ביי מיר אין דעם קיין שום שלעכטס!

השי"ת זאל העלפן אז מיר זאלן זיך קענען מתבונן זיין אין זיינע וועגן און גיין אין זיינע פוסטריט, ותהיה נשמתו צרורה בצרור החיים.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הזהך לייענערס

# דער היילונג אנשטאט דעם דאקטער

בום!!! א שטארקע זעץ האט צושטערט די נאכט שטילקייט. דער גערויש איז געקומען פונעם ריכטונג פון די קינדער צימער, און געציילטע סעקונדעס שפעטער, האט א שטארקע קינדערישע געוויין געבראכן די שטילקייט. איך בין געלאפן צום קינדער צימער מיט גרויס שרעק, וואו איך האב געטראפן מיין צוויי יעריגע טאכטער וואס פראבירט אויפצושטיין, אבער עס איז איר נישט געגאנגען.

זי איז ארויפגעקראכן אויפן וואנט פונעם בעטל, און האט שטארק וויי געטון אירע פיס.

נאכן זיכערמאכן אז עס איז גארנישט געשען צו איר קאפ, און אויך אלע אירע גלידער זענען גאנץ ב"ה, האב איך זיך געאיילט מיט איר צום שפיטאל, וועלנדיג באקומען פאר איר מעדעצינישע באהאנדלונג.

אין שפיטאל איז אלעס געגאנגען זייער שטאט, וויבאלד דארט קומט אויך אן זאכן וואס זענען אסאך מער וויכטיג, און דער צושטאנד פון מיין טאכטער האט נישט אויסגעזען גענוג וויכטיג אז מען זאל זיך דארפן צושטעלן גענוג שנעל. ביז דער דאקטער האט זיך געמאכט צייט צו קוקן אויף מיין טאכטער, אז שוין דורכגעלאפן צוויי שעה. ווייטער האבן מיר געווארט גאנץ לאנג, אז מען זאל קענען אריינגיין צום עקס־רעי [צילום], און נאך א שעה ביז די רעזולטאטן דערפון זענען ארויסגעקומען, און אזוי איז שוין כמעט אריבערגעגאנגען דער גאנצער נאכט.

פיר אזייגער פארטאגס האט מען אונז אריינגערופן צום דאקטער, וועלכער האט באשטימט אז מען דארף לייגןביידע פיס פון מיין טאכטער אין גיבס ביז צו די לענדן [מתניים], און ער האט מיר אנגעווארנט אז מיין טאכטער וועט זיך דארפן לאנג און שווער ערהוילן דערפון, נישט קענענדיג קריכן אדער גיין פאר לאנגע וואכן. א מינוט איידער ער האט זיך גענומען צו די ארבעט, האט ער ערקלערט אז די מיידעלע דארף 'פאסטן' צוויי שעה פארן לייגן די גיבס, און דערביי האט ער געפרעגט צו די מיידל האט געגעסן אין די לעצטע צוויי שעה, אויף וואס איך האב געענטפערט אז זי האט געגעסן א האלבע שעה צוריק.

"אויב אזוי, דארפט איר ווארטן איינס און א האלב שעה אינדרויסן"! האט ער געזאגט אן געדולד, און מיט א פיינטליכע שטימע.

יעצט בין איך שוין געווארן גוט צובראכן ביי מיר. אויך צו צוקוקן ווי מיין טאכטערל פלאגט זיך, אויך א שלאפלאזע נאכט, און יעצט דארף איך נאך ווייטער ווארטן, ווען דאס מידקייט שטארקט זיך איבער מיר אלץ מער און מער? האב איך געעפנט דעם תהלימ'ל און ארויפגעווארפן מיין לאסט אויף השי"ת.

צוואנציג מינוט שפעטער האט זיך געטוישט דער מאנשאפט [צוות], ווען דער פריערדיגער דאקטער האט ערקלערט פארן נייעם דאקטער אז איך דארף ווארטן נאך א שעה איידער מען לייגט גיבס... ווען די נייע מאנשאפט האט זיך גענומען צו זייער ארבעט, האט מען מיר נאכאמאל אריינגערופן צום דאקטער. דאסמאל איז דארט געשטאנען אן אנדער דאקטער, וועלכער איז געווען רואיג און מיט אן אנגענעמע נאטור. עס האט אויסגעזען ווי ער איז א מומחה אין זיין ארבעט, ווייל ווען ער האט געזען די בילדער האט ער קלאר באשטימט אז מיין טאכטערל דארף נישט קיין גיבס, נאר ספעציעלע באנדאזשן וואס מען האט באלד דערנאך ארויפגעלייגט, און דער דאקטער האט קלארגעמאכט אז עס איז זייער וויכטיג צו לאזן די מיידעלע גיין לויט איר שנעלקייט, און ער האט אונז געהייסן צוריקקומען אין צוויי וואכן ארום, צו זען וויאזוי עס גייט...

הָפַכְתָּ מִסְפְּדִי לְמָחוֹל לִי, ווירקליך האט מיין טאכטער זיך וואונדערליך אויסגעהיילט בְּדֶרֶךְ פֶּלֶא, און אין א וואך ארום איז זי שוין געגאנגען אויף די פיס און געשפרינגען אזוי ווי פריער, ברוך ה׳.

דווקא די עסן האט געראטעוועט מיין טאכטער פון שטארקע און איבעריגע ליידן פון טראגן גיבס אויף אירע צווייטע פיס...

[דערציילט דורך די בעלת המעשה: ק.מ.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ

**"מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי"** (כה, ב).

אין ספה"ק **נועם אלימלך** (ד"ה וזהו גדולים בא"ד) ווערט ערקלערט ווי פאלגנד: "רָצָה לוֹמַר, עַל יְדֵי אוֹתוֹ צַדִּיק הַמְּנַדֵּב אֶת לִבּוֹ בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל בְּמַחְשְׁבוֹתָיו, וּמְנַדֵּב אֶת עַצְמוֹ לַשָּׁמַיִם, עַל יְדֵי הַצַּדִּיק תִּקְחוּ הַכֹּל וכו'".

און דאס מיינט "אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ", וואס ער איז מנדב זיין הארץ פארן אויבערשטן, און ער טוט די צדקה במסירות נפש מיט זיין גאנצן הארץ און זעל, פון אזא מענטש 'תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי', ווייל ער וועט צוברענגען אז עס זאל זיין הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה ביי אידישע קינדער.

***

הרב הקדוש **רבי מנחם מענדל רימנובער זצוק"ל**, איז געווען א געוואלדיגער מתמיד, און אלץ בחור פלעגט ער זיצן פאר לאנגע שעות פארזינקען אין לערנען די הייליגע תורה, מיט געוואלדיגע מסירות נפש אָן אויפהער.

נאכן ענדיגן דעם גאנצן ש"ס כמה פעמים, ביז עס איז געווען ביי אים כְּמֻנָּח בְּקֻפְסָא, האט ער אנגעהויבן לערנען **רי"ף**, און דער לימוד איז געווען זייער באליבט ביי אים, און ער האט זייער שטארק מדקדק געווען אין אלע ווערטער און אותיות פונעם הייליגן רי"ף.

[כידוע, איז געווען דער שטייגער פון אסאך פון די גדולי הצדיקים צו לערנען אסאך רי"ף, און אזוי איז אויך געווען דער מנהג פון זיין גרויסער תלמיד **הרה"ק מהרש"ל מלענטשנא זצוק"ל**. אזוי ווי דער הייליגער **חיד"א זצוק"ל** שרייבט אין זיין ספר **פתח עינים** (ב"ק קיג.), אז דער **רא"ש** פלעגט שטענדיג לערנען רי"ף. און אזוי שרייבט דער הייליגער **חפץ חיים זצוק"ל**, אז עס איז כדאי אז מען זאל שטענדיג לערנען רי"ף, וויבאלד עס איז אזוי ווי א קיצור פונעם ש"ס].

אבער זיין געהויבענע זעל און הייליגע נשמה האט זייער שטארק געגלוסט צו קרבת אלקים טוב, און ער האט שטענדיג זייער שטארק געזוכט דעם אמת. איינמאל, איז ער געזעצן לאנגע שעות שפעט ביינאכט און זייער שטארק געהארעוועט ביים לערנען דעם רי"ף, און זייענדיג אזוי שטארק פאר'דביקה'ט איז געקומען האלבער נאכט, און ער האט זיך געזעצט אָפּרעכטן **'תיקון חצות'** פארגיסנדיג אסאך טרערן מיט גרויס געוויין כדרכו בקודש, ווען מיטאמאל איז ער אריינגעפאלן אין א דרימל אזוי זיצנדיג אויפן באנק פונעם בית המדרש.

אין זיין חלום, האט זיך אנטפלעקט צו אים **רבינו יצחק אלפסי ז"ל**, דאס איז דאך דער הייליגער רי"ף וואס ער איז געווען אזוי דבוק אין זיין תורה, ווען זיין געזיכט האט געלויכטן און געשיינט, און מיט א שמייכל אויף זיינע ליפן האט ער זיך געוואנדן צום הייליגן רבי מענדל'ע רימנובער, און געזאגט צו אים: מענדל! פארוואס טוט דיין זעל ברויזן אזוי שטארק? פאר קיין **'ליזענסק'**, און דארט וועסטו געפינען דאס וואס דיין זעל האט ליב!

אויפצומארגנס, ווי נאר עס איז געווארן אינדערפרי, האט רבי מענדל געפאקט זיינע פעקלעך, און האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג צו די ווייטע שטאט ליזענסק, און האט זיך זייער שטארק מדבק געווען אין זיין הייליגן רבי'ן בעל **נועם אלימלך זי"ע**, ביז ער איז געווארן איינער פון זיינע גרעסטע תלמידים.

נאך עטליכע יאר וואס ער איז געווען א 'יושב' אין ליזענסק, זיצנדיג באהאלטן אינעם היכל קדשו פונעם הייליגן צדיק, האט מען אים אנגעטראגן א שידוך מיטן טאכטער פון זייער א חשוב'ער און פארמעגליכער איד, וועלכער האט זיך אונטערגענומען אויסצוהאלטן דעם פאר־פאלק פאר עטליכע יאר, און ער האט געגעסן 'קעסט' ביי זיין שווער'ס טיש בטוב ובנעימים, ביז די צייט פון די 'קעסט' האט זיך געענדיגט, און דעמאלטס האט רבי מענדל געדארפט פארלאזן דאס הויז פון זיין שווער צוזאמען מיט זיין חשוב'ע רעבעצן.

האט רבי מענדל געזוכט און אויך געטראפן א שטילע און קליינע שטעטל, וואו מען האט אים נישט געקענט, כדי ער זאל קענען זיצן בְּאָהֳלָהּ שֶׁל תּוֹרָה אן קיין שטערונג. - אבער וועגן דער ענין פון פרנסה האט ער נישט געטראפן קיין וועג, וויאזוי צו שפייזן זיין הויזגעזינד.

איז דער צדיק רבי מענדל'ע געגאנגען, און האט זיך באזעצט אינעם ארטיגן בית המדרש, און האט אנגעהויבן לערנען דעם רי"ף ווי זיין שטייגער, מיט געוואלדיגער חשק און מיט גרויס התלהבות. די שעות האבן זיך גערוקט איינס נאכן אנדערן, און רבי מענדל'ע האט נישט געפילט ווי דער זייגער רוקט זיך אזוי שנעל... ווען ער איז געווארן שטארק הונגעריג איז ער נישט אהיימגעגאנגען, וויסנדיג אז דער הויז איז סיי־ווי ליידיג, און עס איז דארט גארנישט דא. נאר זיין ווייב די צדקנית איז געקומען צו אים צום בית המדרש, צו פרעגן וואס ער מאכט און צו זען וואס עס טוט זיך מיט אים.

אזוי איז דורכגעגאנגען גאנצע צוויי טעג וואס עס איז נישט אנגעקומען קיין שום עסנווארג אין זיין מויל, און זיין געטרייע רעבעצן איז געווען זייער באזארגט פאר אים, און נאכמער ווי זי איז געווען דערדרוקט וועגן איר אייגענער הונגער, האט זי געזארגט פאר די הונגער פון איר מאן, מורא האבנדיג טאמער די הונגער וועט שטערן זיין געהויבענער לערנען, זי האט אבער נישט געוואוסט וואס זי קען טון דערוועגן.

אויפצומארגנס האט זי געזען ווי איר מאן דער צדיק איז זייער שוואך, ביז זי האט ממש אנגעהויבן זארגן פאר זיין לעבן, וויבאלד עס איז שוין געווען דריי טעג וואס ער האט גארנישט געגעסן, און פונדעסטוועגן האט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען. נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, און מיט גרויס בושה, איז זי געגאנגען אין איר ענגשאפט צום ארטיגן בעקעריי, און האט זיך ממש געבעטן אז מען זאל איר געבן א קליין שטיקל ברויט...

האט דער בעקער געלאכט פון איר: איז דען דא אן ארט וואו מען פארטיילט עסן? גיי און זאג דיין מאן אז ער זאל ארויסגיין ארבעטן אביסל! און נישט זיצן ווי א בטלן אין בית המדרש טאג און נאכט, אוןווארטן אז עס זאל אים אראפרעגענען 'מן' פון הימל...!

די פרוי האט אבער נישט נאכגעלאזט, נאר האט זיך געבעטן איינמאל און נאכאמאל, אז מען זאל רחמנות האבן אויף איר און אויף איר מאן דער צדיק. ביז אירע טרערן האבן אביסל ווייך געמאכט די הארץ פונעם בעקער, וועלכער איז פלוצלונג געווארן ערנסט, און ער האט געזאגט צו די פרוי: איך וויל דיר פאָרלייגן א 'געלונגענער' געשעפט... און לאמיר יעצט מאכן א 'קאנטראקט' צווישן אונז – איך וועל געבן **א גאנצע ברויט** פאר דיר און דיין מאן טאג־טעגליך, אין אויסטויש פאר דיין 'חלק לעולם הבא'!

די פרוי האט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, און זי איז געווען געצוואונגען צו מסכים זיין צו די פארשלאג פונעם בעקער. זיי האבן זיך דארט אוועקגעזעצט, און אפגעשריבן א געהעריגער קאנטראקט כדת וכדין, און אפילו געשטעלט עדים דערויף, און מיט א **קנין גמור** פארקויפט מיט א שווער הארץ איר גאנצן טייל אין עולם הבא, און זי איז גלייך געלאפן מיט ברויט וואס זי האט געהאלטן אין האנט, צו איר הייליגער מאן אין בית המדרש!

ווען די חשוב'ע רעבעצן איז אנגעקומען אין בית המדרש, איז איר מאן שוין געווען באפיסת כוחות, ממש ביים שוועל פון א **'בולמוס'** אטאקע, רחמנא ליצלן. זי האט אים גלייך דערלאנגט זיין ארימע מאלצייט, וועלכע האט אים ממש אויפגעלעבט, און ער האט זיך זייער געפריידט דערויף אז ער וועט גלייך קענען ווייטער לערנען.

האלטנדיג אינמיטן זייער מאלצייט, האט דער הייליגער רבי געזען ווי א קליין טרער רינט אראפ פון די אויגן פון זיין רעבעצן די צדיקת, און האט פארשטאנען דערפון אז זיין רעבעצן איז פאר'צער'ט און טרויעריג. מיט גרויס רחמנות האט זיך דער צדיק געוואנדן צו איר, און געבעטן אז זי זאל אים געבן צו פארשטיין פארוואס זי איז פאר'צער'ט, אינדערצייט וואס זי האט דאך יעצט ממש זוכה געווען צו דערכאפן זיין זעל!

די יונגע רעבעצן האט אנגעהויבן וויינען מיט א ביטער הארץ, און אזוי וויינענדיג האט זי דערציילט איבער דער מורא'דיגער 'פרייז' וואס זי האט געדארפט צאלן פאר די ברויט וואס זיי עסן, און אז דערפאר האט זי געדארפט פארציכטן איר גאנצער חלק לעולם הבא! - 'איז עולם הזה האב איך שוין לאנג נישט'... האט זי ביטערליך געוויינט, 'וויבאלד מיר זענען ביטערע ארימעלייט אן קיין פרוטה, איך האב זיך אבער שטענדיג געהאלטן דורכן זיך מחזק זיין אז ווייניגסטנס וועל איך האבן עולם הבא... אבער יעצט אז איך האב שוין אויך פארקויפט מיין חלק אויף עולם הבא, קומט אויס אז איך בין פאַרוואָרפן פון ביידע וועלטן, נישט קיין עולם הזה און נישט קיין עולם הבא"!

ווען דער צדיק האט דאס געהערט, האט ער זיך נישט דערשראקן, נאר מיט א ווארימע שמייכל האט ער איר געגעבן צו פארשטיין: דו דארפסט דערפון בכלל נישט מורא האבן, וויבאלד די מצוה וואס דו האסט יעצט געטון, ראטעווענדיג מיין לעבן, פאר אזא געוואלדיגער פרייז און מסירות נפש דורכן פארקויפן דיין גאנצן עולם הבא, איז ווערד אסאך מאל מער ווי די גאנצע עולם הבא וואס דו האסט געהאט ביז יעצט! – אזוי ווי אונזערע הייליגע חז"ל האבן קלאר געזאגט (סנהדרין לז.) אז "כָּל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, כְּאִלּוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא".

אויסערדעם, האט דער צדיק צוגעגעבן, איז די גאנצע 'מכירה' נאר געווען גילטיג אויף דיין חלק לעולם הבא וואס דו האסט געהאט ביז יעצט, אבער נישט אויפן עולם הבא וואס דו וועסט קונה זיין פון היינט און ווייטער! – אויך זאלסטו נישט האבן קיין צער אויפן חלק לעולם הבא וואס דו האסט

פארקויפט פאר יענעם איד, וויבאלד ער דארף עס האבן פאר זיין תיקון הנפש און פארן תיקון פון זיין נשמה, און דו האסט נישט פארוואס צו זיין בצער וועגן אים.

און דער עיקר, האט דער רבי איר ווייטער געטרייסט און בארואיגט, ערקלערנדיג אז אלעס וואס זי האט געגעבן איז נאר געווען פון איר אייגענער עולם הבא, אבער פון זיין עולם הבא האט זי גארנישט געגעבן! און למעשה קומט דאך אויס, אז די גאנצע מעגליכקייט וואס ער האט צו עוסק זיין יעצט אין די הייליגע תורה, איז דאך אלעס נאר אין איר זכות! וויבאלד זי האט געראטעוועט זיין זעל פון הונגער, און אזוי ווי די הייליגע חז"ל זאגן (נדרים נ.) "שֶׁלִּי וְשֶׁלָּכֶם שֶׁלָּהּ הוּא". - און מיר ווייסן אז דער גרעסטער עולם הבא איז פאר זיך פלאגן אין די הייליגע תורה, און אויך פאר די פרויען איז צוגעזאגט דער שכר, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די הייליגע **גמרא** (ברכות יז.): "בְּאַתְנוּיֵי גַּבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנָן, וְנַטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנָן", אז די פרויען זענען פארזיכערט צו באקומען שכר, דערפאר וואס זיי געבן פאר זייערע מענער די מעגליכקייט צו לערנען תורה אין בית המדרש, און זיי ווארטן אויף זייערע מענער ביז זיי קומען אהיים פון בית המדרש.

און וויסן זאלסטו, האט דער צדיק אויסגעפירט, אז דאס אלעס איז געווען א נסיון פון הימל, וויבאלד מען האט אונז געוואלט אויספרובן און זען צי מיר וועלן ביישטיין אין די שווערע צייטן פון גרויס הונגער. און וויבאלד מיר זענען עס בייגעשטאנען מיט מסירות נפש, און דו האסט געוויזן אז דו ביסט גרייט מוותר צו זיין אויך אויף עולם הזה און אויך אויף עולם הבא וועגן די הייליגע תורה, ווערט פון יעצט און ווייטער דיין צושטאנד דערהויבן ווערן, און דו וועסט מער נישט וויסן פון קיין הונגער!

עס האט טאקע נישט געדויערט לאנג, און דער נאמען פון דער הייליגער צדיק איז שטארק באוואוסט געווארן איבערן גאנצן געגנט, ביז ער איז געווארן איינער פון די גדולי הצדיקים און מנהיגי הדור, און פילע תלמידים האבן געשטראמט צו אים קיין רימנוב.

און די רבנית הצדקנית האט זוכה געווען צו געניסן פוןביידע וועלטן, אויך עולם הזה און אויך עולם הבא, אזוי ווי איר הייליגער מאן האט מבטיח געווען.

**זכותו תגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.**

***

ווען מיין מחותן הגה"צ **רבי חיים אורי פריינד שליט"א**, חבר **הבד"ץ העדה החרדית** דא אין ירושלים עיה"ק, זאל עס אינגיכן צוריקגעבויט ווערן, האט געדארפט חתונה מאכן איינער פון זיינע קינדער, האט ער געדארפט האבן דעם ריזיגע סומע פון **25,000 לירעס**, זייער א גרויסער סומע אין יענע צייטן, אזוי ווי ער האט זיך אונטערגענומען, כדי צו קויפן די דירה פארן יונגן פאר־פאלק.

דער צדיק האט נישט געוואוסט פון וואו ער וועט פארשאפן אזא גרויסער סומע געלט, און ער האט מתפלל געווען צו השם יתברך אז ער זאל אים העלפן אין זיין ענגשאפט, און ער האט געלייגט זיין פארזיכערונג אין אים.

ווען עס איז געקומען דער לעצטער טאג צו באצאלן פאר די דירה, איז געקומען צו גיין א שליח פונעם פארקויפער, אז אויב וועט מען נישט באצאלן דעם גאנצן חוב ביזן ענדע, איז ער נישט מחויב אויסצופאלגן דעם קאנטראקט, און ער האט די ערלויבעניש צו פארקויפן די דירה פאר אן אנדערער מענטש!

אין יענע מינוטן האט רבי חיים אורי נישט געהאט ביי זיך אפילו אן איינציגע לירע! און ער האט נישט געוואוסט פון וואו ער וועט אפילו אנהייבן צו באצאלן דעם חוב... האט ער גענומען א **תהלימ'ל** אין האנט, און האט זיך גענומען צום פאך פון אונזערע עלטערן לדורותיהם, און זיך גענומען אויסגיסן זיין הארץ פארן אויבערשטן.

און אט אין די פריע נאכמיטאג שעות, איז אנגעקומען א ספעציעלן שליח וואס איז געשיקט געווארן דורך דער הייליגער **סאטמארער רב, בעל 'ויואל משה' זצוק"ל**, מרא דארעא דישראל, האלטנדיג אין האנט א טשעק פון פונקטליך **25,000 לירעס**! נישט מער און נישט ווייניגער, און רבי חיים אורי האט גלייך געשיקט באצאלן דעם חוב.




**האט רבי חיים אורי שליט"א געזאגט וועגן דעם**, אז א איד וואס טוט גרויסע זאכן אין די מצוה פון צדקה מיט מסירות נפש! און ער איז מקיים בהידור דאס וואס עס שטייט אין פסוק "**אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ**", זייענדיג מנדב זיין גאנצע הארץ פאר די מצוה פון צדקה, העלפט מען אים פון הימל, אז זיין צדקה זאל אנקומען בשלימות צום ציל, און אזוי האט מען אים מזכה געווען פון הימל צו צוטרעפן דעם פונקטליכן סומע וואס מען האט געדארפט האבן, און פונקטליך אינעם ריכטיגן צייט!

באותו מעמד האט ער געזאגט א פאסיגער משל דערויף, ווי פאלגנד: דאס איז געגליכן צו די עסן וואס דער מענטש עסט. וויבאלד דאס מערסטנס פונעם עסן ווערט אוועקגעשטופט און עס ווערט דערפון אפפאל... אבער דאס ביסל וואס בלייבט איבער, טוט שטארקן דעם גוף און עס מאכן עקזיסטירן. - אזוי איז עס אויך מיט די געוואלדיגע מצוה פון צדקה, ווייל אזויפיל אלפים ורבבות ווערן אויסגעגאסן איבער די וועלט פאר צדקה, אבער א גרויסער טייל פון זיי דערגרייכט נישט די ריכטיגע ערטער, און צו די פאסיגע ארימעלייט... אבער מן השמים טוט מען אפהיטן דאס ביסל צדקה וואס ווערט געגעבן בשלימות און מיט מסירות נפש, אז עס זאל אנקומען אין די ריכטיגע צייט צום ריכטיגן מענטש!

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173